UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Kol Hakavod Dem Lerer Fun Lerers / Kudos to the Teacher of Teachers

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/9p23m375

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 91(1)

**Author**
Jacob Zipper, Yankev Ziper /

**Publication Date**
1978

**Copyright Information**
Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

יעקב זיפּער / מאָנטרעאָל

# כל הכבוד דעם לערער פון לערערס

אויף אָפּצושאַצן ווי עס באַדאַרף צו זיין אַזאַ אייגנאַרטיקן ייִדן, וואָס קען באמת גערעכנט ווערן צווישן די יחידי סגולה פון זיין דור, ווי ר׳ אברהם גאָלאָמב נ״י, דאַרף מען זיך גאָר גוט אונטערגאַרטלען. די פילזייטיקייט און פאַרטיפטקייט פון די אידעען פאַר וועלכע ערשטעלט זיך אין זיין גאַנץ שאַפעריש לעבן און די ערנסט־שאַרפע קנאַישקייט מיט וואָס עס צייכנט זיך אויס זיין אַרויסברענגען זיי, האָבן אַלע איין היפּט־ציל צו דערשלאָגן זיך צום סוד־הקיום פון אונדזער פאָלק און ווי אַזוי צו געפינען אַ שליסל צו קענען זיך באַנוצן מיט דעם אין וויטערדיקן גאַנג פון דורות. ווי אַ רינגעלע אין אַ קייט, זיינען זיי פאַרקייטלט און פאַרוואָרצלט סיי טעאָרעטיש און סיי פּראַקטיש מיט די פאַרשיידענע אַריינטייטשונגען און זוכענישן צו באַנעמען דאָס לעבן און שאַפן פון פאָלק ישראל נישט נאָר פון איין דור און פון איין צייט אָפּשניט. ס׳איז אַ גאַנג אין דער טיף פונעם נגלה און נסתר פון אונדזער געשיכטלעכן זיין. ער וויל זיך דערגרונטעווען צום סאַמע תוך פון דער ייִדישער מחשבה וואָס איז שוין גאָר נישט פון די לייכטע זאַכן. איז דעריבער פאַרשטענדלעך פאַרוואָס אַ היפּש ביסל איז שווער אָנצונעמען און נישט ווייניק דערפון בלייבט נאָך אַלץ פאַרהוילן. ווי זאָגט זיך עס דאָרט אין חסידישן גלייכווערטל, וואָס איז געבויט אויפן תלמודישן „תיקו״: (תשבי יתרץ קשיות ואבעיות, אליהו הנביא וועט פאַרענטפערן אַלע שווערע פאַרהוילענישן). „מ׳דאַרף דאָך עפּעס איבערלאָזן פאַר משיחס צייטן אויך...״

בדרך כלל איז אפילו ווען ער גייט זיך פונאַנדער מיט אַ שוין לאַנג אָנגענומענעם צוגאַנג, באַמיט ער זיך דאָך צו געפינען אַן אָנשפּאַר פאַר זיין אויסטייטש אין אַ מאמר אָדער גאָר אַ פאָלקס־ווערטל, וואָס דאַרף, לויט אים נאָך, נאָר אַזוי פאַרשטאַנען ווערן, און מיט דעם כוח קען ער שוין באַרעכטיקן דעם באַשטימטן אויפפיר וועלכן ער נעמט אָן אָדער שאַרף מוסרן און וואָרענען קעגן דעם וואָס ער האַלט פאַר שעדלעך.

עס וואָלט אַודאי געווען כדאי צו ברענגען אַ פאַר ביישפּילן, און בכלל זיך פאַרטיפן אין זיין ביז גאָר רייכער און קאָמפּליצירטער מחשבה־וועלט. צום באַדויערן אָבער איז עס איצט נישט אין מיינע כוחות. כ׳האָף אַז אַנדערע וועלן עס קענען טאָן בעסער פאַר מיר. וויל איך זיך איצט בלויז באַנוגענען מיט אויסדריקן אים גרויס אָנערקענונג און דאַנק אין מיין נאָמען און איך מיין אויך אין נאָמען פון אַ סך לערערס — געוועזענע תלמידים זיינע בפועל ממש, און אַזעלכע וועלכע האָבן בלויז געלייענט זיינע פּעדאַגאָגישע אַרטיקלען און דערנאָך אויסגעפּרוווט זיינע אָנווייזונגען.

ווי אַ ביישפּיל איינעם פון אַ סך וויל איך ברענגען זיין דרך ווי אַזוי צו לערנען אַ ליטעראַריש ווערק דורך דעם פאַרשמעטאָד (אַזוי דאַכט זיך האָט מען עס אין די צוואַנציקער יאָרן באַצייכנט אין די לערער־קרייזן) און די ראָלע פונעם לערער דערביי, נישט ווי אַן אויטאָריטעטשער נאָר ווי אַן אָנווייזער וואָס העלפט דעם תלמיד אַליין צו דערזען און דערשפּירן דעם קינסלטערישן תוך פון ווערק. דאָס שטימט אגב מיטן תלמודישן לערן־פּרינציפּ פון „כלל־ופרט״. ער האָט אויך געלערנט זיינע תלמידים נישט צו פאַרלאָזן זיך אויפן גרייטן, נאָר אַליין צוגרייטן און אויספּרוּוון. ער אַליין איז געוואָרן אַ ביישפּיל נישט צו באַנוגענען זיך מיטן שוין פאַרטיקן. אין יעדער שולע ווו עס איז אים אויסגעקומען צו אַרבעטן איז ער געווען אַ באַנייער און סטימולירט צו בויען.

מ׳קען דעריבער מיט רעכט אים קרוינען מיטן טיטול „אַ לערער פון לערערס.״ זאָל ער אונדז זיין געבענטשט מיט נאָך אַ סך יאָרן פון גוטן געזונט און שאַפערישקייט עד מאה ועשרים, אָמן.